אָדער פּוסטער גאווה, נאָר ענייוותדיקערהייט האַלט־
נדיק איינער דעם אַנדערן ווי גרעסער פון זיך
4 אַליין; נישט אַכטונג געבנדיק נאָר אויף זיין
אייגנס, נאָר אויך אויף יענעמס. זאָל ביי אייך
5 זיין די זעלביקע מחשבה, וואָס איז געווען אין
6 דעם משיח ישוע, וועלכער, זייענדיק אין דעם
געשטאַלט פון ג־ט, האָט עס נישט באַטראַכט
פאַר אַ חזקה פעסטצוהאַלטן גלייך צו זיין צו ג־ט,
7 נאָר האָט זיך אויסגעלעדיקט, נעמענדיק אויף זיך
דאָס געשטאַלט פון אַ קנעכט, ווערנדיק ענלעך צו
8 מענטשן; און געפונען ווערנדיק אין מענטשלעכער
פאָרם, האָט ער זיך נידריק געמאַכט און איז געוואָרן
געהאָרכזאַם ביז צום טויט—דעם טויט אויפן בוים (שמואל ידט) ◆
9 דערפאַר טאַקע האָט אויך ג־ט אים זער דערהייכט,
און אים געשענקט דעם נאָמען, וואָס איז איבער
10 יעדן נאָמען, כדי אין דעם נאָמען ישוע זאָל זיך
בייגן יעדע קני, וואָס איז אין הימל און אויף דער
11 ערד און אונטער דער ערד, און יעדע צונג זאָל
מודה זיין, אַז ישוע המשיח איז האַר, צום כבוד פון
ג־ט דעם פאָטער.

12 דעריבער, מיינע געליבטע, ווי איר זענט תמיד
געווען געהאָרכזאַם, נישט נאָר אין מיין אַנוועזנ־
הייט (ביי אייך), נאָר פיל מער איצט אין מיין
אַפּוועזנהייט, אַזוי אַרבעט אויס אייער אייגענע
13 ישועה מיט יראה און מיט ציטערניש; וואָרום ג־ט
איז עס, וואָס ווירקט אין אייך סײַ צו וועלן סײַ
14 צו טון לויט זיין רצון. טוט אַלץ אָן מורמלען און
15 וויכּוחים, כדי איר זאָלט זיין אָן שולד און אָן פאַלשקייט,
קינדער פון ג־ט אָן אַ מום אין דער מיט פון אַ
פאַרקרומט און אַ פאַרדרייט דור, צווישן וועלכע
16 איר שיינט ווי ליכט אין דער וועלט, פעסט־